P. 11893 Arch.

# פון נאָענטן עבר

קולטור־היסטאָרישער דריי־חדשים זשורנאַל
אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט

רעדיגירט מיט דער מיטהילף פון דער
ווילנער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער
געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ—סקי

I

פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער"
1937
וואַרשע

## אויסגאַבעס פון דער ווילנער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי

1. פנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע, ווילנע 1922. גרויסער פאָרמאַט. 944 שפּאַלטן. פּרייז 10 זל.

אַלגעמיינער פּלאַן אויסגעאַרבעט פון משה שאַליט.

רעדאַקציע: זלמן רייזען, ביי דער מיטהילף פון ד״ר

א. ווירשובסקי, ש. ל. ציטראָן און ד״ר צ. שאַבאַד.

2. מוזיקאַלישער פנקס. ניגונים־זאַמלונג פון יידישן פאָלקס־אוצר. געזאַמלט פון א. מ. בערנשטיין. ווילנע 1927. XXVII + 96 גרויסער פאָרמאַט. נאָטן, טעקסט, ערקלערונגען, הקדמה. פּרייז 10 זל.

Żydowskie Towarzystwo Historyczno-Etnogr. im. ~~L.~~ An-skiego
Wilno, Orzeszkowej 7. Pologne. Sz.

## ליטעראַרישע בלעטער

אילוסטרירטע וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט

פערצנטער יאָרגאַנג—רעדאַקטאָר נחמן מייזיל

די לייענער פון די „ליט. בלעטער" פאָלגן נאָך אונזערע באַמיונגען, אַז דער איינציקער יידישער ליטעראַטור־זשורנאַל זאָל באַפרידיקן די אויפגאַבן, וואָס ער האָט צו דערפילן. מיר שטייען אויף דער וואַך פון דעם יידישן שאַפן. אונזערע קולטור־פּאָזיציעס ווערן אָנגעגריפן פון דרויסן און פון אינעווייניק, — איז גרויס די אחריות פון דעם זשורנאַל, וואָס האַלט אין רופן צו שיצן און באַשיצן די באַדראָטע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. דער קרייז לייענער אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער האַלט אין וואַקסן, און צוזאַמען מיט דעם — די פאַרבינדונג מיטן זשורנאַל און דער כסדרדיקער לעבעדיקער קאָנטאַקט. צוליב דעם קריזיס אויפן יידישן ביכער־מאַרק און צוליב דעם, וואָס דאָס יידישע פאַרלאַגס־וועזן איז איצט צערודערט, האָבן די „ליט. בלעטער" די לעצטע יאָרן זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיטן אַרויסגעבן אָריגינעל־יידישע און איבערגעזעצטע ביכער פון דער וועלט־ליטעראַטור צו ביליקע פּרייזן.

### וויכטיקע ביכער־פּרעמיעס אין יאָר 1937

(אַלע וואָך — אַ בוך פון 48–64 זייטן)

דוד בערגעלסאָן — פּענעק (ראָמאַן)
יוסף אָפּאַטאָשו — צווישן ימען און לענדער
נחמן מייזיל — טעג און נעכט אין עמק
„שריפטן" (ליטעראַרישער חודש־זשורנאַל)
„פון נאָענטן עבר" (קולטור־היסטאָרישער דריי־חדשים זשורנאַל
לייב מלאך — [illegible]
א. ס. פּושקין — בעלקינס דערציילונגען

BN

# פון נאָענטן עבר

## קולטור־היסטאָרישער דריי־חדשים זשורנאַל

### אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט

דערשיינט מיט דער מיטהילף פון דער ווילנער היסטאָריש־
עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי

I

## אינהאַלט:


1. פּראָפ. דוד מאַגיד (לענינגראַד)—ווילנער משכּילים מיט 60—65 יאָר
יאָר צוריק (זכרונות און כאַראַקטעריסטיק) 1. הלל נח שטיינשניידער.
2. משה שאַליט (ווילנע) - דער צענזור־עקזעמפּליאַר פון לינעצקיס
„חסידישן יינגל" (לויט אַרכיוו־מאַטעריאַלן).
3. א. י. גאָלדשמידט (ווילנע) — די פּנקסים פון דעם הע"ג־אַרכיוו.
1. פּנקסים פון קהל ת.
4. יצחק אייזיק בן יעקב — „די בעשאַפענהייט אונד גאַנג דער ראַ־
בינען־שולע צו ווילנע" (כּתב יד).
5. מענדעלע מוכר ספרים—בשעת דער מהומה (קאַפּיטלעך פון אַ קאָ
רעגירטן כּתב־יד).
6. הירש אַבראַמאָוויטש (ווילנע) — פאַרשווונדענע יידישע פּרנסות.
1. פישעריי.

מעמואַרן און זכרונות:

7. ל. רובינאָוו (ווילנע) — די יידישע יוגנט אין דרום־רוסלאַנד סוף
19־טן יאָרהונדערט.
8. ד"ר ש. ווייס (סלאָנים) — אויס די צייטן פון דער טשערנאָוויצער
קאָנפערענץ.

איבערזיכטן און רעפעראַטן:

9. נחמן מייזיל (וואַרשע) — געשיכטלעכער שטאָף אין דער יידישער
ליטעראַטור.
10. נ. וויינינג (ווילנע) — היסטאָרישע מאָטיוון אין יידישן פאָלקסליד.

בריוו פון שריפטשטעלער:

11. ש. אַנ—סקי בריוו צו י. ל. פּרץ.
12. בריוו צו ש אַנ—סקי וועגן פאַרשיידענע אויסגאַבעס פון א. ש. זאַקס,
א. דרויאַנאָוו, דוד פרישמאַן און ברוך כּהן־ווירגילי.

פאַרשיידענע:

13—15. נאָטיצן פון דניאל טשאַרני (פּאַריז), נ. וויינינג און מ. זלמן.
16. ביכער, וואָס זענען אָנגעקומען אין רעדאַקציע.


פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", 1937

BIBLIOTEKA NARODOWA BN
STAATSBIBLIOTHEK WARSCHAU
P. 11893 A.d.

* *

*

„פון נאָענטן עבר‟ איז דער ערשטער פרוּוו פון אַ קולטור־היסטאָרישן זשורנאַל אויף יידיש.

דער זשורנאַל דרוקט אויטענטישע מאַטעריאַלן אויס דער יידישער קולטור־געשיכטע, שטייגערישן לעבן און היסטאָריאָגראַפיע דערהויפּט פון די לעצטע הונדערט יאָר ביז אונזערע צייטן גרעסטנטיילס אין די לענדער פון געוועזענעם רוסלאַנד, פוילן און ליטע.

די מאַטעריאַלן זענען געגרינדעט דער עיקר אויף אַרכיוו־מקורים און ביז איצט נישט פּובליקירטע דאָקומענטן.

אַ גרויסער אָרט ווערט אָפּגעגעבן מעמואַרן וועגן פּערזענלעכקייטן, געשעענישן און תקופות.

וועגן איינצלנע מוזעאַלע עקזעמפּלאַרן פון שריפטשטעלערישע ווערק ווערן געגעבן ליטעראַרישע באַשרייבונגען און פּרטים.

ס'ווערן אויסגענוצט ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכטע בריוו און מאַנוסקריפּטן פון שריפטשטעלער, טיילן פון זייערע אַרכיוון און זאַמלונגען.

איבערזיכטן און ביבליאָגראַפישע אָנווייזונגען פאַרלייכטערן זיך אָריענטירן אין די שוין געדרוקטע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די טעמעס.

„פון נאָענטן עבר‟ האָט אויף אַזאַ אופן פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען:

1) אַרכיוון פון שריפטשטעלער, עסקנים און געזעלשאַפטן.
2) פּנקסים פון קהלות און חברות.
3) זכרונות און מעמואַרן.
4) טאָגביכער און כראָניקעס.
5) בריוו פון שרייבער און כלל־טוער.
6) דאָקומענטן און מיטטיילונגען.
7) איבערזיכטן און רעפעראַטן.
8) אוצרות פון מוזייען, אַרכיוון און ביבליאָטעקן.
9) איינצלנע היסטאָרישע דאָקומענטן, נאָטיצן, עווידענצן, היסטאָריאָגראַפישע ביבליאָ־רשימות, ווי אויך ענינים פון אַלטערטימלעכקייטן, פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, אויף וויפל זיי קומען אין באַרירונג מיט די אויפגאַבעס פון זשורנאַל.
10) רעפּראָדוקציעס און אילוסטראַציעס, אויף וויפל ס'וועט זיין אַ מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן דעם אומפאַנג פון זשורנאַל.

„פון נאָענטן עבר‟ דערשיינט 4 מאָל אַ יאָר: אין מערץ, יוני, סעפּטעמבער און דעצעמבער. 4 ביכער פאַרן יאָר בילדן אַ באַנד פון בערך 20 דרוקבויגן (300 זייטן) גרויסן פאָרמאַט.

Printed in Poland

**„Fun noentn owar“**
**(Z niedalekiej przeszłości)**

איבערדרוקן אָן דער דערלויבעניש פון רעדאַקציע — פאַרבאָטן.
דאָס העפט געענדיקט אין זאַץ דעם 15־טן מערץ 1937.
טיראַזש 1300 עקז.

וועגן אַלע רעדאַקציע־ענינים זיך ווענדן לויטן אַדרעס:
**M. Szalit, W. Pohulanka 15, m. 2**
**WILNO (Poland)**

וועגן ענינים פון אַדמיניסטראַציע:
„ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, גזשיבאָווסקאַ 24
**Wyd. „Literarisze Bleter“, Warszawa**

**Druk. „Grafia“, W-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-82**

## מענדעלע מוכר ספרים

# בשעת דער מהומה

„בשעת דער מהומה", וואָס מיר פּובליקירן דאָ צום ערשטן מאָל אין מענדעלעס אייגנהענטיקער קאָ־עקטור, איז אַן איבערזעצונג אויף יידיש פון זיין „בימי הרעש". די יידישע איבערזעצונג האָט געמאַכט מ. אַלגין און זי איז געדרוקט אין אַביסל אַ געענדערטער פאָרם אין 14־טן באַנד פון מענדעלעס ווערק (וואַרשע 1928) אינטער־ן נאָמען „אין אַ „שטורעם־צייט".

מענדעלע האָט אַלגינס איבערזעצונג (אַליין פאַר זיך גאָר נישט קיין שלעכטע) גרינטלעך קאָרעגירט און פיל זאַצן אָדער אפילו גאַנצע שטיקער פשוט איבערגעשריבן פונדאָסניי. אַזוי, אַז עס באַקומט זיך אַן אַנדער טעקסט, וואָס באַווייזט גאָבאַטאָ־ל, אַז מענדעלען איבערזעצן אויף יידיש (און דאָסזעלבע אויף העברעיש) איז ווייניק מעגלעך, ווייל מענדעלע איז אין יעדן אויסדרוק זיינעם מאָנומענטאַל־איינגאַ־טיק.

שוין מיט דעם נאָמען אַליין פון דער ערציילונג האָט זיך דער איבע־זעצער (און אַלע אַנדע־ע, וואָס האָבן זיך אַרום דעם משתּ־ל געווען) נישט געקאָנט געבן קיין עצה. ווי זעצט מען איבער: „בימי הרעש" אויף יידיש? זענען דאָ אויפן מאַנוסקריפּט אַוש 3 נעמען: „דאָס לויפעניש", „דאָס יאָגעניש"? און ס'איז געבליבן „אין אַ שטורעם־צייט". איז געקומען מענדעלע און האָט זיך אַרויפגעשריבן מיט זיינע פערלדיקע אותיות, קלאָר און דייטלעך, פּונקטירט יעדן בוכשטאַב: „בשעת דער מהומה". און אַזוי מיט יעדן ווייטערדיקן זאַץ. דערווייל האָט מען אָפּגעדרוקט אַלגינס איבע־יעצונג און מענדעלעס קאָרעקטור האָט פאַרשפּעטיקט...

זאָל זי איצט באַקומען איר תּיקון.

לויטן עצם אינהאַ־ט איז „בשעת דער מהומה" אַ שטיק יידיש־נאַציאָנאַלע לעבנסגעשיכטע פון די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, וואָס איז נישט נאָר נאָענטער עבר, נאָר אויך ביי אפשר גאָרנישט אַזוי שטאַרק געענדערטע באַדינגונגען אַ שטיק הווה...

דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער ווילנער היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ—סקי צווישן די איבעריקע מענדע־ע־מאַטעריאַ־ן, וועלכע מיר האָבן שוין פּראַציכנט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט („ליטעראַרישע בלעטע־" 1935, 51).

אַלע זאַצ: און ווערטער, וואָס מענדעלע האָט אייגנהענטיק צוגעשריבן, זענען דאָ געזעצט מיט קו־סיוו. דער רעשט געהערט צום איבערזעצער.

מיר ברענגען דאָ דעם ערשטן קאַפּיטל. שפּעטער וועלן קומען ווייטערדיקע אויסצוגן.

*רעדאַקציע*

.1

אַז אונזערע אַ קאָמפּאַניע קאַבצאָנסקער זענען בשעת דער בייזער מהומה, נישט הײנט געדאַכט, ראַפּטאָם, נישט טויט נישט לעבעדיק, אָנגעקומען קיין אָדעס, צופאָרן מיט דעם ים קיין ארץ־ישראל, ווו עס האָט געהייסן מען באַזעצט יידן אין קאָלאָניעס — איז פון אָדעסער לייט קיינער נישט אַרויס אונז אַנטקעגן, מקבל פּנים זיין און פאַרבעטן אונז צו זיך אויף סטאַנציע, ווי מיר האָבן געמיינט פריער, ביים אַוועקלאָזן זיך פון דער היים.

מיר אַליין מיט אונזער כבוד האָבן זיך געמוזט מטריח זיין נעמען אונזערע פעקלעך אויף די פּלייצעס און זיך לאָזן אין שטאָט אַריין. דאָרט, אין שטאָט איז זיך אונזער עולם

צוגאַנגען, דער אהין, יענער אהער, זוכן פאַר זיך ערגעץ, ווי ס׳איז אויף איבערצוהאַלטן זיך, עפּעס אַן אָרט. נאָר איך אָבער מיט ליב דעם מלמד האָבן מיר זיך נישט געשיידט, זיך געהאַלטן אינאיינעם לויט דעם תקיעת־כף מיט דעם כתב־שותפות, וואָס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן אונז.

נאָך אַ שטיקל צייט אַרומדרייענדיק זיך, האָבן מיר, מיט דעם אויבערשטנס הילף, געפונען אַ שטיקל אכסניא, פּונקט צוגעפּאַסט פאַר אונז, פאַר אונזער בייטל — אַ קליין טונקל חדרל, אויפן אויבערשטן גאָרן העט אונטערן דאַך.

אַט דער דאָזיקער ר׳ ליב, מלמד, איינער פון די קאַבצאַנסקער שיינע יידן, איז געווען כל ימיו אַ גרויסער קבצן, נעבעך, און דערצו באַפאַלן מיט אַ היפּש ביסל קינדער. אַ חוץ מלמדות האָט ער געהאַט נאָך פאַרשידענע פּרנסות: געווען אַ שטיקל שדכן, אַ בעל־תוקע, אַ טאַבריקאַנט, אַ רייבער הייסט עס, פון שמעק טאַבאַקע, וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכן, און פון די אַלע מלאכות האָט ער געהאַט ווייניק ברכות. פונדעסטוועגן איז ער געווען צופרידן, אַ שמח בחלקו, האָט שטענדיק געגלויבט און געדאַנקט זיין ליבן נאָמען, וואָס מע לעבט. זענען אָבער געקומען שווערע ביטערע צייטן — און אויס איינגאַנצן אונזער ר׳ ליבס פּרנסות! ער איז געבליבן ווי אויפן וואַסער. גאָטס צאָרן איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף קאַבצאַנסק און אויף דעם גאַנצן קאַנט אַרום און אַרום, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַגראָמען, צרות מיט שלעק.

יידישע פּרנסות לאָזן זיך דאַן אויס. יידן דאַרבן, פאַלן אויף די פּנימער. און אין נויט, אין אַהעמקייט איז מען דאָך, ווי דער שטייגער איז, גרייט איינער ביים אַנדערן פון מויל דעם לעצטן ביסן אויסצורייסן, צו דערטרינקן יענעם אין אַ לעפל וואַסער. מען קריגט זיך, מען רייסט זיך, מען בייסט זיך, ווי די הינט, איבער אַ טרוקענעם אָפּגעלעקטן ביין.

אַזאַ פּרנסה ווי מלמדות אַפילו, משטיינס־געזאָגט, איז אויך יענעם גרויס אין די אויגן. עס הערשט שנאה, קנאה, מסירות, און איינער דעם אַנדערן פאַרגינט נישט דאָס לעבן.

ר׳ ליב, לא די וואָס ער האָט געמוזט אַפּלאָזן דעם חדר, מחמת אַ מסירה, אַז ער קנעלט אָן אַ בלעטל, איז נאָך פון אים געקומען שטראָף אויך.

אַ וואָלף, אַז ער איז הונגעריק, וואָיעט ער, הײַלט ער און קלאָגט ביינאַכט אין וואַלד, און אַז אַ ייד, אַ ר׳ ליב מלמד הונגערט, דאַרבט, טראָגט ער אין זיך זיינע וויטאָגן. שאַ, שטיל, נאָר אין תהילים גיסט ער אויס זיין ביטער האַרץ און מיט אַ פּרק משניות, אַ שטיקל מדרש דערקוויקט ער די נשמה זיינע!

אמת, פון ר׳ ליבס זייט איז אַפילו נישט געווען קיין מניעה אָנצונעמען עפּעס אַ שטעלע אין מסחר, ווי אַ שטייגער אין אַ בשמים־קלייטל, אין אַ קלייט פון צעלניק, אין אַ קאַנטאָר, אין אַ פאַבריק, אָדער אין אַן אַנדער געשעפט — וואָס איז די נפקא מינה? אַ ייד טויג צו אַלצדינג, אַבי נאָר מזל. אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם, דאָס אומגליק אָבער איז געווען, וואָס אַנדערע האָבן עס נישט געוואָלט.

ר׳ ליב, זאָל אים צו קיין גנאַי נישט זיין, איז דאָך נעבעך געווען אַ שלימזל. צו יענע אַלע זאַכן נישט געטויגט. דעריבער, אַז עס האָט זיך געלאָזט הערן אַן אויסרוף: אין די קאָלאָניעס אַריין, יידישע קינדער! האָט ר׳ ליב געזאָגט: אָך! און זיך אָנגעכאַפּט מיט הענט און פיס.

מיר אַליין איז אין יענער צייט אויך געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. ערשטנס איז דער מסחר מיט ספרים זייער שטאַרק געפאַלן, און אַ חוץ דעם. איז מיר דער גאַנצער עסק טאַקע געוואָרן נמאס ומאוס. אונזער עולם, דער גוטער יאָר ווייס איס, איז געוואָרן מיט

אַמאָל עפּעס אַזוי קאַפּריזנע, ווי אַ חולה, וואָס עס נודעט אים אויפן האַרצן, עפּעס ווילט זיך אים אַ דערקוויקעניש, עפּעס אַזוינס, וואָס עס דאַכט זיך אים נאָר, וואָס ס׳איז גאָר נישטאָ, און וואָס מען זאָל אים נישט געבן איז פּע! גיסטו אים לשון-קודשדיקע פּאַטראַוועס, שרייט ער: בוררו!... ס׳איז טרוקן, האַרט ווי בּיין, נישט צו נעמען עס אין מויל אַריין. נאַ־זשע דיר. האָרץ מיינס, אַ פריש־צאַפּלדיקע זשאַרגאָנישע פּרעזשעניצע! וואַרפט ער זיך ווידער: פּע, עס שלאָגט צום האַרצן. גוואַלד, גיט עפּעס אַזוינס, אַזוינס, ס׳זאָל קוויקן, ס׳זאָל מחיה זיין די נשמה!" און וואָס קען מען טאָן, וואָס קען מען מאַכן? אַז דאָס ביסל פּראָוויזיע, וואָס האָט זיך בּיי דיר געפונען, האָסטו דאָך שוין לאַנג אים גערן אָנגעבאָטן. אָ, רבונו של עולם! נישטאָ קיין ערגערע אָפּקומעניש אין דער וועלט ווי אויסצושטיין די קאַפּריזן און דאָס וואָרטשען פון אַן אָפּגעפּיינטן קבצן אַ שיינע־מורנו, מיט גרויסע פּרעטענזיעס און פאַרלאַנגען, וואָס די פאַנטאַזיע שפּילט בּיי אים און טראָגט אים העט־העט צו אַלדי שוואַרצע יאָר! לאַ די, וואָס איך האָב אָוועקגעלייגט מיין כח און מיין מח, מיין צייט און מיינע עטלעכע גראַשן. לאַ די וואָס דער מסחר מיט יידישע ספרים האָט בּיי מיר אַרויסגעצויגן דאָס בּלוט פון האַרצן, דעם מאַרך פון די בּיינער און איך האָב קיין מזל־ברכה נישט געזען, קומט מיר נאָך צו זען נישט צופרידענע, פאַרקרימטע צורות פון אחינו בני ישראל און אויף דער עלטער אויסהערן פון קראַנקע נפשות אַלערליי זלזולים, שטעכווערטלעך. וואָס דערלאַנגען אין דער זיבּעטער ריפּ. בּיטער און קאַלאַמוטנע איז מיר דעמאָלט, לא עליכם, געוועזן אויף דער נשמה, און! מחמת גרוים עגמת־נפש איז מיר דערעסן געוואָרן דער גאַנצער משא־מתן: צו וואָס? וואָס טויג מיר דאָס פאַרשוואַרצט ווערן, דאָס ליידן גלות, אַרומפאַרנדיק פון שטאָט צו שטאָט? אונזערע שטעטלעך מיט די מיני יידן זייערע זענען מיר געוואָרן פּריקרע און דער וועג, וואָס איך פלעג דאָרט אַרומפאָרן אַזוי פיל יאָרן, האָט בּיי מיר אויך אָנגעוווירן דעם גאַנצן חן. עפּעס נאָר נישט דאָס, וואָס געווען. אַלצדינג האָט באַקומען עפּעס אַן אַנדער פּנים: גאָר נישט דער וואַלד, גאָר נישט די פעלדער, וואָס אַמאָל, עפּעס אַקוראַט ווי אַלצדינג האָט אויף מיר אָנגעהויבּן קוקן קרום, אַלצדינג שעפּטשעט: ווייטער אַבּיסל, יידעלע! נישט פאַר דיר, יידעלע, רוישן דאָ די בּוימער, שפּראָצן די גראָזן, נישט פאַר דיר איז דאָס פעלד בּאַדעקט מיט תּבואה און די ערד גיט אַרויס אירע פּרוכטן, נישט פאַר דיר וואַרקעט דאָס טייבּעלע, זינגען די פייגעלעך, נישט פאַר דיר לאָזן די רייזעלעך אַרויס פון זיך שמעקנדיקע, געשמאַקע ריחות פון בשמים! אַפילו די זון, אוי וויי, זי האָט אויך אויפגעהערט וואַרעמען, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. דעריבּער, אַז ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג — קאָלאָניעס! און קאַבּצאַנסקער יונגע לייט האָבּן זיך גענומען דרשענען הויך מיט אימפּעט, בּראָקנדיק פּסוקים פון תנייך און שיטנדיק טרייסטווערטער פון די נביאים, האָט דאָס מיך שטאַרק אַ נעם געטאָן און ס׳איז בּיי מיר געבּליבּן פאָרן! די פאַנטאַזיע האָט מיר גלייך אָוועקגעטראָגן אַהין, אַהין אין דעם לאַנד, וווּ עס רינט מילך און האָניק און צינען עסן דאָרט בּאָקסערן, — וואָרום אַזוי איז שוין די טבע פון אַ מענטשן, אַז בּשעת אַ צרה הויבּט ער אָן וואַרטן אויף נסים ונפלאות. אַ קוק געבּנדיק אויף מיין בּידנע פערדל: הויט און בּיין, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים, קוים וואָס עס ריירט מיט אַן אבר, האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן, וואָס האָב איך אָט צו דעם נאָטס בּאַשעפעניש? וואָס האָב איך מיך אויף אים אָנגעזעצט, צו פּייניקן אים נעבעך מיט תּענתים און מיט דער שווערער משא פון יידישע ספרים? אַ צער בעל־החיים, כלעבּן! האָב איך געזאָגט, גלעטנדיק דאָס שלימזל מיינס פון הינטן נעבּן אויסגעפּליקטן ווידל — אַ רחמנות אויף דיינע אַלטע יאָרן, בּיזט שוין גענוג אָפּגעקומען דיינס, נעבעך. נו, שוין צייט פּטור צו

ווערן. יברכך! לאז דיר גאט צושיקן א בעסערע פרנסה, ווי יידישע ספרים!...

אין א פאר טעג ארום האב איך פארקויפט מיין פערדל צו א וואסער־פירער. מסתמא איז אים שוין אזוי באשערט געווען צו שלעפן וואסער, ווארום, כידוע, איז אין די יידישע ספרים אויך פאראן א שיין ביסל וואסער.

ווי איך שטעל מיר איצט פאר דאס דעמאלטיקע לויפעניש, מאלט זיך מיר אזא בילד: א מהומה, אן איבערקערעניש אין קאבצאנסק! יידן שטופן זיך צונויף ווי שאף טשערע־דעסווייז, יאגן, לויפן מיט א געשריי, א געפילדער, ממש טויב צו ווערן. עטלעכע צאפעס, וואס ס'האט זיך זיי עפעס געחלומט, לויפן הענדום־פענדום פארויס, אנמאכנדיק א שטויב, גאנצע וואלקנס, אז זיי זעען אליין נישט רעכט דעם וועג. אלע יאגן, איילן, מיט פארמאכטע אויגן, אנטרעטנדיק איינער דעם אנדערן אויף די פיס, גלייך ווי די רוחות וואלטן זיי גע־טראגן, און איך, אלטער נאר, בין אויך בתוכם. די שפעלעך מעקען, ברומען — זיי זענען דאך נעבעך הונגעריק. זיי לויפן, יאגן, וווהין דער ווינט טראגט — זיי רעכענען צו געפינען עפעס פאשע, א לעק שטרוי, אביסל גראז צו אנשטאפן די קישקע. ווען איך שטעל מיר איצט פאר יענע בהלה, באווייזט זיך נישט ווילנדיק אויף מיינע ליפן א שמייכל, נאר אינעווייניק ווײנט אין מיר די נשמה, איך לאך מיט ביטערע טרערן. עס פוקעט זיך מיר, עס רייסט מיר דאס הארץ!

אין דער טשערעדע איז דער גרעסטער טייל געווען אלטע באראנעס, מאגערע, אויסגע־דייווערטע, וואס טויגן נישט אפילו צו דער שחיטה. די ציגעלעך, די יונגע לייטלעך, הייסט עס, מיט די געשליפענע צינגלעך, זענען געבליבן אין דער היים, נישט גערירט זיך פון ארט. וואס איז? זיי האבן געדארפט זארגן דא פארן כלל, האלטן דרשות און וועקן דעם עולם, אונטערטרייבנדיק אים אין איין קול: גייט, גייט! ווערלוג מען האט דערציילט, איז דארט, אין אדעס, פאראן מילי־מיליאסן גאלדענע רענדלעך, וואס מען האט אנגעקליבן פון קערות, פון צדקה־פושקעס, פון אתרוגים, נאך און נאך. געלט איז דא כחול הים. קומט, א שטיינער א קאבצאנסקער ייד, נעמט מען און מען שיקט אים באלד אפ בכבוד מיט נאך אזוינע יידן אהינצו, אויפן ארט, מיטן ים אדער מיט דער יבשה, מען ניאנטשעט זיך מיט זיי, ווי די פריצים, מען פירט זיי, ביז מען ברענגט זיי בשלום און באזעצט זיי אין א פארטיקער נחלה. אט אזעלכע קלאנגען האבן עס אנגעמאכט אין קאבצאנסק די גאנצע בהלה. גיכער! גיכער!— האט צוגעטריבן איינער דעם צווייטן — טאמער וועלן זיך אנדערע פעדערן און אויסכאפן די מציאה. אט אין דער בהלה־צייט איז צוגעשפרונגען צו מיר ר' ליב דער מלמד און מיר האבן אפגעמאכט צווישן זיך א כתב, שווארץ אויף ווייס, מיט א קבלת קנין און א תקיעת כף, אז וואס דער אויבערשטער וועט אונז צושיקן, סיי אין זיין זכות, סיי אין מיין זכות, געהערט דאס ביידן, בחברותא, אויף גלייך, און איינער פאר דעם אנדערן טאר קיין זאך נישט פארהוילן, גארנישט באהאלטן. און אויך אפגעמאכט צווישן אונז איז געווען בפירוש, אז מיר זאלן זיך האלטן אינאיינעם, וווינען צוזאמען געטריי, פריינדלעך באהבה, זיך איינער מיט אנדערן נישט שיידן. מיר האט די זאך הנאה געטאן מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, אז מען ווערט פארוואגלט אין א פרעמד ארט, פילט מען זיך גלאט עפעס היימלעכער מיט אן איינענעם מענטשן, ווי זאגט דער פסוק: טובים השנים מן האחד. און צווייטנס, האב איך גע־האט גרויס בטחון אויף ר' ליבן, ווייל אין אזא צייט ווי יענע, וואס דער קורס פון יידיש־קייט איז געווען שטארק געהויבן, האט דער זכות פון אזא יידן, ווי ר' ליב דער מלמד, וואס זיין יידישקייט איז לכל הדעות כשר בתכלית הכשרות, אונז געקענט ביישטיין אין אונזערע

נויטן, פיל מער פון מיין זכות. אזא ייד מיטן פולן מויל, ווי ר׳ ליב, האט א פתחון־פה טאקע צו בעטן א נדבה, צו פאדערן אזוינס, וואס אים קומט מיט רעכט. דאס יידישקייט איז דאך זיינס. אז די סחורה הויבט זיך, ווערט געהויבן אויך דער סוחר. דעריבער בין איך פון אונזער שותפות געווען זייער צופרידן. און גלאט, וואס האט עס מיר נעארט, וואס האב איך אנגעווירן: אז סך־הכל האבן ביידע צדדים נישט אריינגעלייגט אין געשעפט קיין צעבראכענעם גראשן און מען איז זיך נישט מער מתחייב צו טיילן זיך מיט דער מציאה, וואס דער אייבערשטער וועט ערשט צושיקן זיי שפעטער אם ירצה השם.

ביז גלופסק האבן מיר זיך געיאגט אן א נשמה. פון דארטן זענען מיר געפארן מיט דער באן און זענען מיט א גרויסן טראסק אנגעקומען אין דער ים־שטאט.

עס טרעפט זיך, רחמנא לצלן, אן אנשיקעניש, א פגע רע נישט נאר אויפן מענטשס גוף, נאר אויך אויף זיין נשמה. ביי אייניקע ווייזט זיך דאס ארויס, נישט פאר קיין יידן געדאכט, מיט אזוינע סמנים, ווי ביי א משוגענעם הונט: פון מויל רינט ביי זיי, טריפט אומריינע סלינע, די געבליטן קאכן, דער טריפהנער כעס ווערט שטארקער אלע מינוט, אט־אט טוען זיי א ביס, א ריס. ווידער ביי אנדערע ווערט דער קאפ פארדרייט און זיי זעען אלצדינג קאפויער, מיטן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף, שווארץ איז ביי זיי וויס און וויס — שווארץ, ליכט איז פינסטער און גוט — שלעכט. אויפן וואלף האבן זיי רחמנות און אויפן שעפעלע זאגן זיי: רעכט אויף אים, א מצוה! הכלל, ס׳איז בויבעריק. די חולשה, וואס מיר, נישט היינט געדאכט, האבן דענסטמאל באקומען, איז געווען עפעס א מין אינעווייניקסטע קוועטשעניש, א מין שטופעניש אזעלכס, וואס האט געזעצט אין קאפ אזוי, אז דער מח האט געטראגן העט וויט, וויט און אריבער צופליען דעם ים איז געווען דאכט זיך אזוי גרינג, ווי א האר אויס דער מילך.

נאר וואס מיר זענען אנגעקומען אויף דער סטאנציע, נאך מיד, צעבראכן פון דער לאנגער נסיעה — אהא! עס שטופט שוין אונז ווייטער, עס טראגט, עס טרייבט אונז: גיכער, יהודים, שטייט נישט, גייט, טוט עפעס, די צייט איז טייער, א רענדל א מינוט!

— רב מענדעלע, — זאגט צו מיר ליב דער מלמד, — צו וואס זאלן מיר דא מאכן שיהות, לאמיר טאקע באלד גיין!

ווהין גיין, צו וועמען גיין — דאס האב איך אליין נישט געוווסט, דאס האב איך פארשפארט פרעגן. נאך אין קאבצאנסק האבן מיר זיך אנגעהערט נסים ונפלאות פון די חברה־לייט, וואס ס׳האט זיך אין זיי פלוצלינג אנגעהויבן שלאגן א יידיש אדער און זיי האבן אנגעהויבן בענקן, ממש אויסגיין מיט אלע כחות נאך א יידן. אט א די יונגע לייטלעך, האט מען דערציילט, זענען דימענטענע מענטשן. אז עס קומט צו זיי עמעצער, דינען זיי אים בעסער ווי א מאמע. זיי האבן דאס אנגעגרייט פאר אונזערע יידעלעך נייע מאיאנטקעס: פאר ישראליק, ווהין זיי וועלן דיר שיקן, און באזעץ זיך אויפן גרייטן, אן קאפדרייעגישן און אן יסורים!... דעם אמת זאגנדיק, האב איך אויך שטארק חשק געהאט צו גיין זען אט די נדיבים וואס גיכער, נאר לפנים האב איך מיר געטראכט, אז איך וויל כלומרשט נישט, איך האב געקרימט מיט דער נאז און געטענהט: איך בין מיד פון וועג.

— זאגט מיר, איך בעט אייך, ר׳ ליב, — האב איך אים געפרעגט, — וואס איז דא דאס אילעניש? וואס מאכט דאס אויס, אז מיר וועלן, א שטייגער, צוווארטן אביסל?... בעסער פון אלע געשעפטן וואלט גאר געווען א מרחץ, ווי איך בין א ייד. אי א מרחץ! וואלט

איך מיר זיך אויסנעצווינן כמלך בגדוד אויף דער אויבערשטער באנק און וואלט מיר אביסל אויסגעפארעט מיינע אלטע קראנקע ביינער... הא, וואס זאגט איר, ר' ליב?

— געשעפט איז בילכער פאר אלצדינג, פרנסה איז פריער פון אלע אנדערע זאכן! — האט מיר ר' ליב נעגעבן צו פארשטיין מיט זיינע זיסע ריידעלעך. — א מרחץ, פארשטייט איר מיך, וועט איר נישט פארזאמען קיינמאל. א מרחץ איז שטענדיק גרייט, און אונזער עסק, אבער, וואס איז נישט פון די מעשים שבכל יום, קענען מיר נאך, חלילה, פארשפעטיקן, וועלן מיר נאכדעם צו זיך אליין האבן טענות. איר פרעגט: וואס ווערן מיר אן? גלויבט מיר, ר' מענדעלע, אט ווי איר זעט מיך, האב איך אליין אין מיין לעבן שוין וויפל מאל אנגעווירן פרנסה נאר צוליב דעם, וואס איך בין נישט געוועזן פון די זריזים מקדימין. פון די נישט פוילע אויף א גאנג. פארשפעטיקט בין־הזמנים אויף איין שעה, קומסט צו גיין — אהא, והילד איננו! אן אנדער מלמד האט אים שוין אויסגעכאפט, מעגסט שוין זאגן ברוך דיין אמת... היינט איז ביי אונז אויך בין־הזמנים, רב מענדעלע. ס'איז קיין עין־הרע דא גענוג מלמדים, וואס ווילן אקערן די ערד מיט דער נאז, אבי מען זאל זיי נאר לאזן אהינצו, געבן זיי א מקום מנוחה... איר פארשטייט? לאמיר זשע גיין, שמא יקדמנו אחר, טאמער פארכאפט זיך דערווייל אן אנדערער!...

פון קאבצאנסקער יונגע לייטלעך מיט די געשליפענע צינגלעך האבן מיר געהאט מליצה־בריוו צו עטלעכע פיינע לייט פון דער געוויסער חברה. איז ביי אונז געבליבן, אז מיר זאלן קודם־כל אריינגיין צו זיי.

---

הירש אבראמאוויטש (ווילנע)

# פארשווינדענע יידישע פרנסות

איינע נאך דער אנדערער גייען אוועק רייען יידישע פרנסות, פון וועלכע עס האבן נעצויגן חיונה הונדערטער און צו מאל טויזנטער יידישע פאמיליעס.

ס'איז כדאי לפחות פארפיקסירן עס פאר דער געשיכטע, ווייל ס'ווערן שוין פארשווונדן די לעצטע פארשטייער, די לעצטע „מאהיקאנער'' פון די פרנסות, וועלכע זענען שוין אונטערגעגאנגען אינגאנצן, אדער גייען אונטער פאר אונזערע אויגן. מיר ווילן דא געבן באשרייבונגען פון א גאנצן ציקל באשעפטיקונגען, וועלכע זענען געווען כאראקטעריסטיש פאר די געגנטן פון אמאליקער „גרויס־ליטע'' (איצטיקע עטנאגראפישע מלוכה ליטע, ווילנער געגנט אין בריטן זין, — די אמאליקע ווילנער גובערניע און שכנותדיקע קרייזן). די געגנטן האבן פארמאגט א היפשע יידישע דארפישע באפעלקערונג (ישובניקעס) — אן אייגנארטיקע עטנאגראפישע גרופע מיט ספעציפישע פרנסות און אריגינעלן פרימיטיוון לעבנס־שטייגער. די גרופע איז באשטאנען מערסטנטייל פון פשוטע ארבעטס־מענטשן, וועלכע זענען געשטאנען נאענט צו דער נאטור און זיך וויניק פארשטאנען אויף שווארצע פינטעלעך, צוליב וואס זיי זענען שיר נישט געווען פאראכטעט פון די שטעטלשע „לומדים'' און שטאטישע קרעמער („נישט הינער לאבוק'' — א ספעציעלער אויסדרוק בנוגע די ישובניקעס).

די צייט, וואס אונזער ציקל נעמט ארום, איז סוף פון 19־טן יארהונדערט און אנהויב פון 20־טן יארהונדערט, ד. ה. בערך מיט 30—50 יאר צוריק. דער לעזער וועט נישט נעמען פאר אומגוט, וואס מיר וועלן זיין געצוווּנגען זיך אפצושטעלן באטש אין קורצע שטריכן אויף דער מעכנישער זייט פון די פרנסות, כדי ס'זאל זיין פארשטענדלעכער דאס לעבן פון די מענטשן, וועלכע האבן זיך באשעפטיקט מיט די, אדער יענע צווייגן פון דער פראדוקציע, וואס האט אין

# פון נאָענטן עבר

קולטור-היסטאָרישער דריי-חדשים זשורנאַל
אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאַליט

דערשיינט מיט דער מיטהילף פון דער
ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער
געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ-סקי

II

פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער"
װאַרשע 1937

## אויסגאבעס פון דער ווילנער היסטאריש-עטנאגראפישער געזעלשאפט אויפן נאמען פון ש. אנ-סקי

1. פנקס פאר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יארן פון מלחמה און אקופאציע, ווילנע 1922. גרויסער פארמאט. 944 שפאלטן. פרייז 10 זל.

   אלגעמיינער פלאן אויסגעארבעט פון משה שאליט.

   רעדאקציע: זלמן רייזען, ביי דער מיטהילף פון ד״ר א. ווירשובסקי, ש. ל. ציטראן און ד״ר צ. שאבאד.

2. מוזיקאלישער פנקס. ניגונים-זאמלונג פון יידישן פאלקס-אוצר. געזאמלט פון א. מ. בערנשטיין. ווילנע 1927. XXVII + 96 גרויסער פארמאט. נאטן, טעקסט, ערקלערונגען, הקדמה. פרייז 10 זל.

Żydowskie Towarzystwo Historyczno-Etnogr., im. Sz. An–skiego
Wilno, Orzeszkowej 7, Pologne.

BIBLIOTEKA NARODOWA

Printed in Poland

„FUN NOENTN OWAR"
(z niedalekiej Przeszłości) II

איבערדרוקן אן דער דערלויבניש פון רעדאקציע איז פארבאטן.

דאס העפט איז געענדיקט אין זאץ ד. 20 יוני 1937
טיראזש 1300 עקז.

ווענן אלע רעדאקציע-ענינים זיך ווענדן לויטן אדרעס:
M. SZALIT, W.-Pohulanka 15 m 2.
Wilno (Poland).

ווענן אדמיניסטראציע-ענינים:
„Literarisze Bleter", W-wa, Grzybowska 24

Druk. „Grafia", Warszawa, Nowolipki 7.

# פון נאָענטן עבר

## קולטור-היסטאָרישער דריי-חדשים-זשורנאַל

אונטער דער רעדאַקציע פון משה שאליט

דערשיינט מיט דער מיטהילף פון דער ווילנער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ—סקי.

## II

## אינהאַלט:


1. *יהודה-לייב גאָרדאָן* (יל"ג). אומבאַקאַנטע בריוו (כּתב-ידן). 1. בריוו צו א. ב. גאָטלאָבער.
2. *פּראָפ. דוד מגיד* (לענינגראַד). ווילנער משכּילים מיט 60—65 יאָר צוריק (זכרונות און כאַראַקטעריסטיק). 2. מתּת שטראַשון.
3. *משה שאליט* (ווילנע). משה ראָזענסאָן, זיינע חיבורים, צוואה און מצבה (לויט אַרכיוו-מאַטעריאַלן).
4. *ד"ר פיליפּ פרידמאַן* (לאָדז). שלמה קלאַפּצימבעלס באַשרייבונג פון דער שלום-פייערונג אין לעמבערג: אַ יידיש ליד פון יאָר 1814 (כּתב-יד).
5. *מענדעלע מוכר-ספרים*. בשעת דער מהומה (וויטערדיקער קאַפּיטל פון קאַרעגירטן כּתב-יד).
6. *א. י. גאָלדשמידט* (ווילנע). די פּנקסים פון הע"ג-אַרכיוו 2. די פּנקסים פון די פּריוואַטע בית-מדרש-חברות.

*זכרונות און מעמואַרן*

7. *שלום ביילין* (מאָסקווע). פון די אירקוטסקער צאַרישע צייטן. (סיבירער ערינערונגען באַווירצט מיט ליטווישע אַנעקדאָטן).

*איבערזיכטן און רעפעראַטן*

8. *נחמן מייזיל* (וואַרשע). 20 יאָר יידיש טעאַטער אין פּוילן.

*בריוו פון שריפטשטעלער*

9. *ד"ר נתן בירנבוים*. בריוו וועגן אַן עפּיזאָד מיט „משיחות".

*מאַטעריאַלן און דאָקומענטן*

10. *אייזיק-מאיר דיק*. דער אָפּמאַך מיט ראָמס דרוקעריי אין יאָר 1864 (אָריגינאַל).

*פאַרשיידענע*

11. נאָטיץ פון יצחק שטראַשון.



פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", 1937

## מענדעלע מוכר ספרים

# בשעת דער מהומה*)

.2

— ווארט, זייט מוחל, אביסל, רב ייד. ס׳וועט שוין זיין רעכט מיט דעם איבערשטנס הילף! האב איך זיך אריינגעמישט. כּדי פּטור צו ווערן פון דעם שלאק, טראכטנדיק ביי מיר: די אויגן וועלן דיר נעביך ארויסקריכן ביז דו וועסט זיך דערווארטן אויף אונזער ווייך. לאז זיין געדולד אביסל, רב ייד.

— איצט האבן מיר נישט קיין צייט, מיר האבן א נויטיקן עסק און האבן מורא צו פארזאמען.

— א נויטיקן עסק? וואס פאר אן עסק? וווהין לויפן עס יידן? זאגט מיר, זאגט! פרעגט אונז איבער דער מעקלער, ניט טראכטנדיק גאר צו אפלאזן אונז.

תּחילת האב איך גערעכנט אים גארנישט ענטפערן אויף אזא משונהדיקע פראגע. נאר באלד האב איך א טראכט געטאן: אדרבא, בעסער יא ענטפערן. נישט איך, נישט ר׳ ליב וויסן מיר דאך נישט דעם וועג צום קארלינער. טא שלעפּט זיך טאקע נאך אונז נאך ווי א זלודניע און פירט איר אונז אפּ אהינצו, זייט מוחל.

אוי, ביסט טאקע א קלוגעטשקער, רב חייקל, ווילסט אריינקריכן יענעם אין דער נשמה, נאר מענדעלע איז אבער קליגער פון דיר, ער וועט דיך איינשפּאנען און זאלסט אים פירן, בהמה!

— און אויב מיר גייען צום קארלינער, איז וואס? — ענטפער איך מיט א פראגע, ווי דער שטייגער איז — איר ווילט דען אויך גיין אהינצו?

— אך, מיטן גרעסטן כּבוד! צום קארלינער קום איך א מאל, בין ביי אים א שטיקל חשוב. — זאגט דער ייד און רעדנדיק אזוי טרעט ער ארויס פאר אונז און לאזט זיך לויפן גאס־איין, גאס־אויס, ווינקענדיק צו אונז אלעמאל פון דערווייטנס, מיר זאלן אים נאכגיין.

דעם אמת מוז איך זאגן: אונזער מעקלער, די דאזיקע בהמה, וואס גאט האט אונז צוגעשיקט, האט אונז געדינט געטריי מיט אלע כּוחות. ער האט געהויבן פיס, געגאנגען א גאנג געשמאק, מיט חשק, דורך גאסן און געסלעך, ביז ער האט אונז געבראכט אהין, ווו מיר דארפן.

— אט דא וווינט דער קארלינער! — זאגט אונזער ר׳ חייקל, סאפּענדיק ווי א גאנז, דאס פּנים זיינס פארפלאמט און ווישנדיק מיט דער פאלע דעם שווייס, וואס האט זיך פון אים געגאסן נאך דער שווערער ארבעט.

— נו, א דאנק אייך! — האב איך צו אים געזאגט. — איצט וועלן מיר שוין טרעפן אליין אויך.

דער מעקלער בלייבט נעביך שטיין צומישט ווי א נעכטיקער. עפּעס בעבעט ער, מריקעט, דרייט מיט די פינגער. איך אבער מאך מיך נישט וויסנדיק, טו א נעם ר׳ ליב דעם מלמד און לאז מיך גיין מיט אים אויף א ווייטע מירמלשטיינענע טרעפּ.

*) זע די דערקלערונגען אויף זייט 40.

וואָס מיינט איר, ס'איז טאַקע געווען מעשה ניסים, וואָס מיר זענען אַרויפגעגאַנגען בשלום איבער אַט די טרעפּ. אונזערע פיס, פאַרשטייט איר מיך, זענען דאָך געבוירענע קאָבצאָנסקער. נאָך לכתחילה פון דער מאַמעס בויך זענען זיי געמאַכט געוואָרן אויף צו קענען קריכן אין די קליינשטעטלדיקע בלאָטעס. ווי באַלד היינט, אַז זיי האָבן גאָר דערפילט אונטער זיך — הערט אַ מעשה — אַ גלאַטן, אָפּגעפּאָלירטן מירמלשטיינענעם פּאָל, ווי אַ שפּיגל, איז זיי אויסגעקומען טאַקע שלעכט, האָבן זיך געגליטשט און געשרויכלט געוואָרן אויף יעדן טריט. נאָר זכות אָבות טאַקע איז אונז בייגעשטאַנען, וואָס מיר זענען נישט אַראָפּגעפאַלן און נישט געבראָכן, חלילה, האַלז און געניק.

דאָס פּאָרהויז איז שוין געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זענען נאָך פאַר אונז געקומען צום קאַרלינער מיט זייערע בקשות.

צוגעלאָזט צום קאַרלינער אין קאַבינעט האָט מען מיט אַ סדר איינעם נאָכן אַנדערן. אַלע אין פּאָרהויז זענען געשטאַנען אָן היטלען מיט הוילע קעפּ. גאָט איז יודע דעם אמת, ווי שווער אונז איז געווען צו „אַנטפּלעקן" אונזערע קעפּ, וואָס זינט זייער אַרויסקריכן אויף דער וועלט זענען זיי אַריין אין אַ היטל, באַדעקט געווען טאָג און נאַכט.

נאָר וואָס דען האָבן מיר געזאָלט טון, אַז דער רשע, דער משרת, האָט אונז מיטן האַרבן וואָרט געהייסן אויסטון די היטלען. אַפילו די יאַרמולקעס האָט דער פּושע-ישראל אויך נישט געוואָלט מתיר זיין! מיר האָבן זיך אין דער ערשטער צייט דערנסטמאָל געפילט ווי שטייענדיק נאַקעט אין באָד. איך, יאַק איך, נאָר ר' ליב דער מלמד האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי משונה, נעבעך, אַז איך האָב געמוזט אַוועקקערן דאָס פּנים אין דער זייט, נישט אָנצוקוקן אים אין אַזאַ מיאוסן צושטאַנד.

אַט אַזוי זענען מיר געשטאַנען אין צרות און אין אַנגסטן, ביז מיר האָבן זיך דערוואַרט די צייט אַריינגיין צום קאַרלינער. איך האָב אָפּגעטרעטן דעם כבוד ר' ליבן, אַז ער זאָל אַריינגיין פריער, אַ שטופּ געבנדיק אים מיטן עלנבויגן, און איך בין נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

פאַרהאַן מענטשן, וואָס אַז דו דערזעסט זיי איינמאָל, ווערן זיי דיר עפּעס ווי איינגעבאַקן אין האַרצן און גייען נישט אַרויס פון דיין זכרון. זיי געוועלטיקן איבער דיין מוח און דיין נשמה אַ צייט לאַנג מיט יאָרן. אַז דו נעמסט זיך צו עפּעס אַ וויכטיקן ענין, שטייען זיי אויף ווי לעבעדיקע, פאַר דיינע אויגן, און דו פליסט זיך טון דיין אַרבעט ווי אָמבעסטן, עס זאָל זיי געפעלן.

נאָך עד היום שטייט מיר פאַר די אויגן דער קאַרלינער מיט זיין מיטעלער ווּוקס און מיט אַלע זיינע פּאָסטעמקעס. אַ שטילער טרויער רוט אויף זיין בלייכן איידעלן פּנים. פון אָנפאַנג דאַכט זיך: דער מענטש איז אַ בייזער, אַ כעסן, ווען ער הויבט אָבער אָן ריידן, שיינט אַ שמייכל, ווי דער מאָרגנשטערן, איבער זיין פּנים. און ס'איז באַלד צו דערקענען, אַז דער טרויער נעמט זיך פון פיל טראַכטן, פון קלערן הויכע ענינים. רעדן, רעדט ער ווייניק, געציילטע ווערטער, אָבער די אויגן! די אויגן נעמען דורך און דורך. די אויגן דערציילן, וואָס פאַר אַ ריינע, גאָלדענע נשמה ער האָט. די

קנייטשן פון שטערן *זאָגן* עדות אויף זיינע טיפע מחשבות. און *אויך* די גראָע האָר *גיבן אים* צו אַ באַזונדערן חן.

דער קאַרלינער איז געשטאַנען לעבן אַ שרייבטיש, אויף וועלכן ס'איז געווען פאַרשידענע מכשירים, וואָס מען דאַרף האָבן צום שרייבן. אויף יענער זייט טיש איז געזעסן אַ ייד פון אַ יאָר פערציק מיט אַ לאַנגער באָרד, *ווי עס האָט אויסגעזען* אויך אַ בעל-מח, און האָט אַריינגעקוקט אין אַ פּאַק פּאַפּירן. דער קאַרלינער האָט אויף אונז אויפגעהויבן זיינע אויגן און אונז אַ ווונק געטון, מיר זאָלן *זאָגן וואָס מ׳יר ווילן.*

— מיר זענען קאַבצאַנסקער, פון קאַבצאַנסק זענען מיר, און ווילן זיך באַזעצן אין די קאָלאָניעס, — איז ר׳ ליב אַרויס מיט דער שפּראַך, פאַרנויגנדיק זיך פאַרן קאַרלינער און פאַרקנייטשנדיק משונה-ווילד דאָס פּנים, ווי אַ יידענע.

— און וואָס איז געווען אייער פּרנסה ביז אַהער?

— איך בין, *האַרינקע,* אַ מלמד. כל-ימי *האָב איך געקנעלט און געטריי געקנעלט.*

— ווילט איר, הייסט עס, זיין *איצט* אַ מלמד אין די קאָלאָניעס? — האָט געזאָגט דער קאַרלינער און באַטראַכט ר׳ ליבן פון קאָפּ ביז די פיס. — די קאָלאָניעס זענען נאָך גאָר נישט באַשאַפן געוואָרן, און יידישע מלמדים ווילן זיי שוין מזכה זיין מיט זייערע חדרים!

— די תורה איז געווען פאַר בריאת-עולם, אַ כל-שכן פאַר די קאָלאָניעס, — האָט אַ זאָג געטון יענער, *פון יענער זייט טיש,* און בעת-מעשה זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מיין פּנים.

— ניין, *האַרינקע,* — האָט ר׳ ליב געזאָגט, דרייענדיק דעם ניין ווי אַ שלשלת.— איך האָב, חלילה, נישט בדעה צו זיין אַ מלמד. איך וויל טאַקע, פּשוטו כמשמעו, זיך באַזעצן אויף דער ערד פון ארץ-ישראל, וויל איך.

— ווערליק איך פאַרשטיי, — *רופט זיך אָן* דער קאַרלינער מיט אַ שמייכל,— איז קאַבצאַנסק פאַר אייך דער בעסטער מקום, און תורה — די בעסטע סחורה.

— איך גיב אייך מיין הן-צדק, — האָט זיך אָנגערופן ר׳ ליב, — מיין הן-צדק גיב איך אייך, אַז איך בין מוכן ומזומן אָפּצוגעבן מיין לעבן פאַר דעם כלל ישראל, און טון, וואָס איך וועל נאָר האָבן ביכולת פאַר אונזערע יידן, אַבי איך זאָל אויך באַקומען אַ שטיקל נחלה — אַ פעלד און אַ וויינגאָרטן אין ארץ-ישראל.

דער קאַרלינער האָט אויף ר׳ *ליבן* אַ קוק געטון *מיט שפּאָט* און *שווייגנדיק אַ רגע, גלייך ווי ס'איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן מ'שטיינס-געזאָגט.*

*דערנאָך קערט ער זיך אויס צו מיר מיט אַ פרעג:*

— און איר וואָס זענט? אויך אַ מלמד?

— איך בין אַ ייד. — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, אַ דערשראָקענער. אַ פאַרטומלטער פון די צוויי פּאָר אויגן, דעם קאַרלינערס און יענעם פאַרשוינס, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף מיר. איך האָב געפילט, אַז איך רעד נישט צו דער זאַך, *און באַנעם מיך שטאַרק לעקישעוואַטע און פאַר גרויס חרפּה אין דער מינוט* וואָלט מיר בעסער ניחא געווען, די ערד זאָל זיך עפענען און מיר איינשלינגען.

— דאָס, *וואָס איר זייט אַ ייד,* ווייס איך אַליין. — האָט געענטפערט דער

קאַרלינער. — דאָס זעט מען אייך אָן *אין פנים*. איך וויל וויסן, מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך.

— ער איז מיין שותף, מיין שותף איז ער! — האָט זיך אונטערגעכאַפּט רב ליב, וועלכער האָט זיך, ס'ווייזט אויס, געהאַלטן פאַר אַ וועלטלעכערן מענטשן און פאַר אַ גרעסערן בעל-דברן, *ווי* איך. — דער ייד האָט מיט מיר געמאַכט שותפות אויף דער נחלה, וואָס מיר וועלן, אם ירצה השם, באַקומען. מיר האָבן אַ כתב, אַ *שליש-צעטל* האָבן מיר.

זינט איך לעב און זינט איך שטיי אויף די פיס, האָב איך נישט געהאַט אַזאַ עגמת-נפש, ווי פון אָט די ר' ליבס ווערטער. איך בין געוואָרן נאָך מער מטושטש און ריקעס שוייס האָבן מיר אָנגעהויבן רינען פון פנים.

ווען מען *זאָל האַלטן אָן עמער זודיקע וואַסער אָפּצוגיסן מיך, וואָלט* די *מורא מיר נישט אַזוי גרויס געווען*, וואָלט מיך נישט אַזוי געאַרט, ווי די *שטעכווערטלעך, אויף וועלכע* איך האָב מיך גערעכנט *צוהערן*. אַדאַנק און אַ לויב זיין ליבן נאָמען, וואָס איך בין דאָס נישט געפּרווט געוואָרן.

דער קאַרלינער האָט אַ טיפן זיפץ געטון און אונז געפרעגט מיט אַ ווייך קול:

— וואָס-זשע *פאַרלאַנגט* איר, *מיינע ליבע* יידן?

— מיר ווילן אייך בעטן, זהאַרענקע, אַזוי ווי איר זענט דער ראש וראשון פון די קאַלאָניעס, זאָלט איר אונז *אַזוי גוט זיין* העלפן און געבן אונז *מיט אייער גנאָד אויף אונזערע הצטרכות*. ביי אייך איז דאָס דאָך אַ *קלייניקייט* — און אונז וועט איר *מחיה זיין*. — האָט ר' ליב אָנגעהויבן מיט בקשה און געענדיקט מיט אַ ברכה פון „יקום פורקן": מלכא דעלמא יפיש חייכון ויתן ארכא לשניכון — דער אויבער-שטער זאָל אייך געבן גליק און געזונט און הצלחה, ווו איר וועט זיך קערן און ווענדן — און אַזוי ווייטער, ביזן סוף.

— לעת-עתה קאָן איך *גאָרנישט* טון, זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט דער קאַרלינער געענטפערט, זיפצנדיק, און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַ סימן, אַז דער שמועס האָט זיך געענדיקט און מיר מעגן שוין גיין.

ר' ליב האָט זיך דערפון געמאַכט דווקא נישט ווייסנדיק. *אדרבא*, ער האָט זיך ערשט מכין געווען צו רעדן, אויסגעשנייצט די נאָז און שוין געהאַט געעפנט דאָס מויל, האָב איך אים אָנגענומען פאַר דער פאָלע און אַוועקגעשלעפּט צו דער טיר. אַרויס זענען מיר פונקט פאַרקערט, ווי מיר זענען אַריין: איך בין *שוין* געגאַנגען *פאָרויס אין* ר' ליב נאָך מיר.

בשעת מיר האָבן אין פאָרהויז געזוכט אונזערע היטלען און געוואָרפן זיך, ווי פאַרסמטע מייז, פון איין ווינקל צום אַנדערן, איז אַרויסגעקומען יענער ייד, וואָס איז געזעסן ביים טיש. ער האָט מיך דערזען און איז צוגעגאַנגען צו מיר *מיט אַ זאָג*:

— *איך זענט מיר זייער קענטלעך*. מיר האָבן זיך באַגעגנט *אַמאָל*, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אין גלופּסק אָדער ערגעץ דאָרט אין יעדע מקומות. איר זייט, *דאַכט זיך*, רב מענדעלע מוכר-ספרים, איאָ?